… = CENTRE. BUILT OF BRICK. STORES. PHARMACY, TAVERNS.

יהושוע שטענגל (ישראל)

# טישעוויץ, ווי ס׳איז געווען

אונדזער קליין שטעטעלע טישעוויץ, וואָס איז געלעגן אין דער מיטן פון גרעסערע ראַיאָן־שטעט: זאַמאָשטש, טאָמאַשאָוו־לובעלסקי און הרוביעשאָוו, האָט אַפילו קיין באַצייכענונג אויף דער מאַפּע נישט געהאַט. די פאַרבינדונג מיט די גרעסערע ראַיאָן־שטעט איז געווען מערסטנס דורך פרימיטיווע קאָמוניקאַציע־מיטלען פון פערד און וואָגן. די בעלי־עגלות פלעגן ברענגען די סחורות אין שטאָט אַריין און גלייכצייטיק פירן פאַסאַזשירן אַהין און צוריק. די וועגן גופא זיינען געווען נישט ברוקירט. ערשט אין די לעצטע יאָרן האָט מען געפלאַסטערט אַ שאָסיי ביז דער שטאָט זאַמאָשטש. אויך די קליין־באַן סטאַנציע, אויפגעשטעלט אין מיטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז נישט געווען אין שטאָט, נאָר אייניקע קילאָמעטער פון שטאָט, אין דאָרף טוטשאַפּ.

ס׳איז נאַטירלעך, אַז די שווערע קאָמוניקאַציע־מיטלען האָבן טיילווייז געווירקט אויף דער געשטאַלטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, און באַזונדערס אויף דער יוגנט. דערפון איז נישט געדרונגען, אַז מען איז געווען הינטערשטעליק פון די אַנדערע גרעסערע שטעט, פאַרקערט — וואָס שייך געזעלשאַפטלעכקייט און דערציונג אויפן קולטור־געביט, איז אפשר די טישעוויצער יוגנט געווען פיל מערער אַנטוויקלט און פילפאַרביקער.

אונדזער שטעטל איז געווען אַן אַלטס, מיט אַ געשיכטע פון הונדערטער יאָרן, מיט וועלכער יונג און אַלט האָבן זיך געגרויסט. די אַלטע לעגענדעס, ווי די מעשה וועגן משיח בן יוסף האָט צוגעגעבן אַ סך יחוס דער רייכער פאַרגאַנגענהייט. די פוילישע באַפעלקערונג האָט שטאָלצירט מיט זייער „קאָנפעדעראַציע טישאָוויעצקא” און פאַרשידענע גרויסע שלאַכטן אין די צייטן פון פוילנס גרויסקייט. באַזונדערס האָבן זיי זיך געגרויסט מיט דער אַרבעטער־פּראָדוקציע אין שטעטל: די שטיוול פון פעל, געניית מיט דער האַנט, וואָס האָבן דערגרייכט הויך איבער די קני. ווינטער פלעגן די פויערים אַרומוויקלען די פיס מיט שטרוי און שמאַטעס און אַרויפציען די דאָזיקע שטיוול וואָס האָבן געוואַרעמט דעם גאַנצן גוף קעגן די פרעסט, שנייען און קעלטן. און פון דעם דער נאָמען פון דער שטאָט טישעוויץ — דאָס הייסט: „טו שעווצע”, דאָ זיינען שוסטערס. מען קען דערפון דרינגען, אַז די באַפעלקערונג האָט מיט דעם

each to his DIN!



נאָמען אויסגעדריקט אַ געוויסע זעלבסטשטענדיקייט, נישט זוכנדיק קיין מיוחסדיקן נאָמען פון פריץ אָדער שלאַכטשיטש.

דער געבוי פון שטעטל איז געווען אַ קוואַדראַט. די גאַסן פאַרשידנאַרטיק, די איין־שטאָקיקע הייזער געבויט דאָס רוב פון האָלץ. די דעכער פון שינדל, שפּעטער אויך פון בלעך. אין מיטן פון שטעטל איז געווען אַ גרויסער בלאָק געבויט שוין פון ציגל, גערופן דער „רינעק”. דאָס איז געווען דער צענטער און האָט ווי צעטיילט דעם קוואַדראַט אויף צוויי באַזונדערע טיילן.

one storey wooden houses

RINEK

פון מזרח־צפון זייט פון דעם קוואַדראַט האָט זיך געצויגן אַ גאַס, וועלכע מען האָט גערופן די „גרעבליע” וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום טייך און ווייטער ביז דער פאָרשטאָט מיידאַנעק, און פון דאָרט אין די דערבייאיקע דערפלעך. אויף מערב־דרום זייט איז געווען אַן ענלעכע גאַס, וואָס האָט געהייסן „זאַמליניע” און האָט געפירט צום וועג נאָך זאַמאָשטש.

GREBLYE ST.

ZAMLINYE ST

אויסער דעם זיינען אין אַלע זייטן געווען געסלעך מיט „ליקעלעך” פון דער מערב־זייט איז געווען אַ גאַסל, וואָס האָט געפירט צום בית־המדרש און שול, ווי אויך פאַרשידענע חסידים־שטיבלעך. נידעריקער פון דאָרטן איז געווען די באָד און די מקוה. די גאַסן זיינען גערופן געוואָרן מיט ספּעציעלע נעמען ווי די „באָד־גאַס”, „הינטערן וואַול” א.א.וו.

ווען מען האָט אָבסערווירט דאָס שטעטל פון דער הויך האָט עס געהאַט אַן אויסזען פון אַ שיינעם גאָרטן מיט פיל גרינע „לאָנקעס”. צוליב דער ענגשאַפט און נישט האָבנדיק קיין קאַנאַליזאַציע־סיסטעם זיינען אין פרילינג און אין האַרבסט געשטאַנען גרויסע בלאָטעס. שמאָלע הילצערנע ברעטער גערופן „קלאַדקעס” האָבן געפירט פון איין געסל צום אַנדערן. אויף צו טאָן די מענטשלעכע באַדערפענישן פלעגט מען מערסטנטייל באַנוצן די „פאַשע” אַריבערן טייך, הינטער דער באָד און אויך אין די טונקעלע ליקלעך.

MUDDY BOARDS

אַרום דעם שטעטל איז געפלאָסן אַ טייך מיטן נאָמען „הוטשווע”, וואָס האָט זיך געצויגן ווייט ביז הינטער הרוביעשאָוו, ביז צום בוג. די באַפעלקערונג איז געווען פון דריי נאַציאָנאַליטעטן: פּאָליאַקן, אוקראַאינער און יידן. די קריסטלעכע באַפעל־קערונג האָט צום מערסטן געוווינט אין די פאָרשטעט. דאָרטן זיינען געווען די קאָשטשאָלן און די צערקוועס. דאָרטן האָבן זיי געהאַט זייער ווירטשאַפט און פעלדער. אין דעם פריער דערמאָנטן „רינעק” זיינען געווען די געוועלבער, קראָמען פון כל המינים סחורה. אויך די אַפּטייק איז דאָרט געווען און עטלעכע שענקען.

די יידישע באַפעלקערונג האָט פאַקטיש באַדינט די אַרומיקע דערפער מיט אַלע נויטיקע סחורות. איין מאָל אין וואָך — מיטוואָך — איז געווען אַ „יאַריד”. צו דעם „יאַריד” האָט מען זיך געגרייט אַ גאַנצע וואָך. סיי די פויערים און סיי די יידן פלעגן וואַרטן אויף דעם מיטוואָך. די פויערים פלעגן ברענגען צום פאַרקויפן — תבואה, פערד, קי און אַנדערע באַשעפענישן, אויך פרוכטן, גרינסן, פוטער, קעז, אייער און פלאַקס. זיי פלעגן אָנבירן פון אַלעם גוטן צום פאַרקויפן. דאָס גאַנצע

WEEKLY FAIR

שטעטל פלעגט אין אַזאַ טאָג זיין פול מיט וועגענער איבערן גאַנצן „מאַרק”. און די יידן פלעגן זיך אַרויסשטעלן מיט זייערע סחורות. אויף סטראַגאַנעס און טישלעך זיינען לויט אַ סדר אַרויסגעלייגט געוואָרן קליידונג, מאַנופאַקטור־סחורות, גאַלאַנטעריע, שיך, א.א.וו. עס פלעגן אויך קומען פון די דערבייאיקע שטעטלעך, לאַשטשעוו און קאָמאַראָוו, יידן סוחרים מיט זייערע סחורות. אזוי אַז דער „יאַריד” איז געווען פאַרן שטעטל אַ וויכטיקער ביישטייער פאַרן עקאָנאָמישן לעבן.

עס האָבן זיך מיט דער צייט אויסגעטיילט סוחרים גרעסערע און קלענערע. מען האָט שוין אָנגעפאַנגען טראַכטן וועגן אַרויסשיקן די סחורות אין גרעסערע שטעט, ד. ה. געזוכט אַן אָפּזאַץ־מאַרק. עס האָט זיך אויך אַנטוויקלט מלאכה און האַנט־ווערקעריי, דער עיקר גאַרבעריי און שטריקל־מאַכער. די אַנטוויקלונג איז פאָרגעקומען אין אַ שנעלן טעמפּ גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. נאַטירלעך, אַז דאָס האָט אויך געענדערט דעם אופן פון דענקען. עס האָבן זיך אויך גענומען אויסקריס־טאַליזירן אידייען־דיפערענצירונגען און פאַרשיידענע גרופּן־אינטערעסן.

דאָס קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין שטעטל איז געווען פאַרשיידנאַרטיק. אַוודאי מוז מען עס זען פון צוויי באַזונדערע זייטן. פון איין זייט האָט עקזיסטירט דאָס יסודותדיקע מיטן אַמאָל, מיט אַלע איינגעוואָרצלטע פּרינציפּן לויט דער טראַדיציע.

און פון דער צווייטער זייט א מער פּראָגרעסיווע — פון דער יוגנט, וואָס האָט אָנגעפאַנגען זוכן נייע פאָרמען פון אויסלעבן זיך. דער אַמאָל האָט געהאַט זיין גייסטיקן צענטער און סאַמע יסוד אין דער שול, די בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך. די דערמאָנטע פלעצער האָבן געדינט נישט נאָר צום דאַוונען און לערנען תורה, נאָר אויך ווי הייזער פון פאַרזאַמלען זיך און פאַרברענגען. אַ צענטער פון תורה און חכמה און פולן אויסלעבן זיך אין איינעם. די גרויסע שול איז געווען באַוווסט אין דער גאַנצער געגנט ווי די שענסטע אין דער סביבה. אין דער שול פלעגט מען נאָר דאַוונען שבתים און יום־טובים. דער ציבור מתפללים פון דער שול זיינען געווען מערסטנס סתם בעלי־בתים, ווי אין בית המדרש, און אויך אזוי צו זאָגן די מער פּראָסטערע „וועלטלעכע”, — — מאָדערנער געקליידעט מיט קאַפּעלושן און קורצע רעקלעך. דאָ האָט מען געדאַוונט נוסח אשכנזי.

די שול איז געווען פּרעכטיק געמאָלן מיט פאַרשידענע קינסטלעריש־היסטאָרישע געמעלן: צוועלף שבטים פון בני־ישראל; דער לויתן מיטן שור־הבור; כלים פון בית־המקדש און אַנדערע היסטאָרישע מאָלערייען, שטענדיק ליכטיק און זויבער, וואָס האָט געשאַפן פאַר זיך דרך־ארץ און כבוד.

דאָס בית־המדרש וואָס איז געווען נאָענט פון דער שול איז געווען געבויט פּשוט, פאָלקסטימלעך, שטענדיק אָפן פאַר אַלע און אַלעמען. גרויסע פענצטער, לאַנגע טישן מיט שטאַרקע לאַנגע בענק. ביי די טירן אַ גרויסער ברייטער אויוון, וואָס פלעגט ווינטערצייט אָנוואַרעמען דעם גרויסן בנין און אַלע פלעגן זיך אָנוואַרעמען ביים אויוון. אָרעמעלייט פלעגן זיך פּשוט דערקוויקן מיט אים. אויך יידן וועלכע פלעגן קומען פון אַרומיקע שטעטלעך, איז זייער ערשטער טראָט געווען אין בית־



המדרש אַריין. חזנים, בעלי־תפילות, בעל־דרשנס און אַנדערע פלעגן מאַכן דעם ערשטן וויזיט אין בית־המדרש. דאָס בית־המדרש איז געווען דער חוט־השדרה פאַר אַלע אָרעמע פאָלקס־מענטשן. דאָ פלעגן אַלע געפינען זייער אָרט און מנוחה. עס פלעגן אויך קומען יידן „אַריינכאַפּן” אַ קאַפּיטל תהילים, אָדער אַ פּרק משניות, אָדער א קדיש און האַלטן יאָרצייט. דאָ האָט געדאַוונט דער שטאָטישער רב און אויך אָנגעזעענע אַנדערע בעלי־בתים. אין בית־המדרש פלעגן פאָרקומען פאַרשידענע אסיפות, וואָס האָבן געהאַט א שייכות צום כלל לעבן פון שטעטל ווי מעות חטין, הכנסת כלה, פאַרריכטן דעם גדר פון בית עולם, מקוה א.א.וו. עס פלעגן אויך פאָרקומען אסיפות פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער — סיים־וואַלן אָדער אָרטיקע קהלשע פּראָבלעמען.

דאָס דערציונג־וועזן איז געווען ווי אין אַנדערע שטעטלעך. מען האָט געוווסט, אַז אַ קינד ווערט אַלט דריי יאָר דאַרף עס גיין אין חדר אַריין. צוואַנציק־דרייסיק קינדער אין אַ צימער פלעגן זיצן אַ גאַנצן טאָג, דער רבי אויבן אָן מיטן טייטל. עס זיינען געווען דרדקי־מלמדים, חומש־מלמדים און גמרא־מלמדים. און אזוי פלעגט מען לערנען ביז דרייצן יאָר און דערנאָך אַריבער לערנען אַליין אין בית־מדרש אָדער שטיבל, צי געפאָרן אין אַ ישיבה. אַנדערע האָבן איבערגעריסן און געמוזט לערנען אַ פאַך אָדער געהאָלפן דעם טאַטן אין קראָם. די גאָר אָרעמע האָבן, נישט קענענדיק צאָלן קיין שכר־לימוד, אויפגעהערט נאָך פריער פון גרייכן די דרייצן יאָר.

אַזוי האָט די באַפעלקערונג געלעבט אַ לעבנסשטייגער, וואָס איז געווען אַזוי צו זאָגן „אַ לעבן פאַר זיך”. קיין סימן פון עפּעס נייעס. אַלץ לויטן אַלטן שטייגער, לויט די טראַדיציעס און באַגריפן פון אַמאָל. אַלץ „יידישלעך” אַפילו די קליידונג. ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַריינגעקומען אַן ענדערונג אינעם דער־ציונג־וועזן. די „פּאָווישעכנע שקאָלע” — עלעמענטאַרע רעגירונגס־שולע — איז געוואָרן אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע קינדער און דאָס „חדר” האָט זיך געמוזט צופּאַסן ווי אַ נאָכמיטאָג־שול. עס זיינען אויך אויפגעקומען נייע אייגענע שולן. ווי „חדר מתוקן”, (פרומע האָבן עס אויסגעלייגט מיט אַ סמך „מסוכן”) „תרבות”. די אַלטע דערציונג האָט זיך געראַנגלט און האָט לאַנגע יאָרן אַלץ געהאַט די אויבערהאַנט, אָבער דאָך געמוזט נאָכגעבן און צופּאַסן זיך.

די לעצטע יאָרן נאָכן ערשטן וועלט־קריג, האָבן אריינגעבראַכט גרויסע ענדערונגען אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין שטעטל. די „אָקטאָבער”־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און נאָך פיל געשעענישן און ענדערונגען אויף דער וועלט, האָבן אַריינגע־בראַכט נייע געדאַנקען און פּראָבלעמען אין דער געזעלשאַפט. די אייגענע עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך אויך געענדערט און מען האָט געמוזט נעמען אַ שטעלונג צו אַלע די ענדערונגען.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז פאַר דער יוגנט זיינען דאָס געווען פראַגעס, וואָס איז זיי שטאַרק אָנגעגאַנגען. זייער לעבן איז געשטאַנען אין קאָן. דאָס לערנען און דערוויסן זיך וועגן די היסטאָרישע ענדערונגען איז געוואָרן דער סאַמע עיקר. האָבן זיך טאַקע אַ טייל פון די דערוואַקסענע און באַזונדערס די יוגנט גענומען פאַרטיפן

דער פּרעכטיקער שטאָט לימאַ אין פּערו, האָבן געקענט אויסמעקן מיין שטעטל פון זיכרון.

זאָל אָט דאָס אָנגעשריבענע זײַן ווי אַ קדיש, און זאָלן עס די ווינטן אַוועקטראָגן ווייט ווייט צו מיין שטעטל טישעוויץ, און דאָרטן איבער די חורבות פון מיין שטעטל, איבער די מאַסן־קברים פון אונדזערע קדושים, זאָל מיין קדיש דערהערט ווערן און זאָלן די ביימער נאָכזאָגן אמן!

לימאַ, דעם 10טן אָקטאָבער, 1965.

רות שערער (פון דער היים — ריטע פעלץ) ישראל

# מיין שטעטעלע טישעוויץ

כ׳וועל צומאַכן די אויגן און זיך איבערטראָגן מיטן געדאַנק צוריק מיט 28 יאָר, צו מיין קליין שטעטעלע טישעוויץ.

ווי לעבעדיק שטייט עס מיר אַלץ פאַר די אויגן. עס איז דאָך נישט קיין ווונדער, ווייל די שענסטע, זאָרגלאָזע יאָרן וואָס קומען מער קיינמאָל נישט צוריק, האָבן מיר דאָרט איבערגעלאָזט — צוזאַמען מיט אונדזערע טייערסטע און נאָענטסטע.

אַ שטעטעלע ווי אַלע אַנדערע קליינע שטעטלעך, מיט אַ שול, אַ בית־המדרש און פיל חסידים — שטיבלעך ווי אויך פאָלישן. ס׳איז אויך געווען אַ יידישע גמינע און אַ פוילישע גמינע, אַ גמילות־חסד קאַסע ביים האַנטווערקער פאַראיין, אויך אַ באָד און אַ הקדש. איין קינאָ, איין קלויסטער, איין צערקווע ווי אויך אַ בית־המשפט.

ס׳זיינען אויך געווען פיר פוילישע שולעס ווי אויך פיל חדרים. ס׳זיינען אויך געווען פיל אָרגאַניזאַציעס, רעכטע ווי אויך לינקע, און אויך אַ י.ל. פּרץ־ביבליאָטעק, וואָס האָט באַדינט אַלע שיכטן. געאָגראַפיש האָט זיך אונדזער שטעטל אונטערשיידט פון אַלע שטעטלעך. די נאַטור האָט עס באַשאָנקען מיט אַ ספּעציעלן חן. דער צענטער פון דער שטאָט איז געווען דער מאַרק („רינעק”) און אַרום אים אַלע זיינע הינטער־געסלעך.

אַרום דעם שטעטל האָט זיך געשלענגלט אַ טייך מיטן נאָמען הוטשוואַ, וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט פון אַלע פאָרשטעט. דער צענטער פון שטעטל איז געווען באַוווינט פון יידן, וווּ נישט ווו האָבן זיך אויך געפינען קריסטלעכע משפחות. די פאָרשטעט האָבן באַוווינט נאָר קריסטן, ווי אויך אייניקע יידישע משפחות, וועלכע האָבן זייער חיונה געצויגן פון דאָרט.

מיט די אַלע פאָרשטעט האָבן אונדז געאייניקט בריקן. אויף צפון פון מאַרק האָט זיך געצויגן די אַזוי גערופענע „אָסטראָווע” אויף דרום האָט אונדז אָפּגעטיילט אַ בריק צו די אַזוי גערופענע „קלענטוועס” אויף מערב האָבן אונדז אָפּגעטיילט אַ קליינע בריק



און אַ לאַנגע בריק. נאָך דער קליינער בריק האָט זיך געפונען דער אַזוי גערופענער „הויף” באַזעצט נאָר פון יידן. נאָכדעם איז געקומען די לאַנגע בריק און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די זאַמליניע. אויף מזרח איז ווידער געווען אַ בריק לעבן דער וואַסערמיל, און דאַן איז געקומען די פאָרשטאָט, וועלכע האָט זיך געטיילט אין דרייען. איין וועג האָט זיך געצויגן דורך אַ בריק און אַ לאָנקע ווו ס׳האָט זיך געפונען דאָס שעכטהויז, דער צווייטער וועג האָט געפירט צו די „בורסן”, ווו ס׳האָט זיך געפונען דאָס אַלטע בית־עולם און ווו קעגנאיבער איז געווען דער הויפישער סאָד. נאָכדעם איז געווען די שקאָלע און די רוסישע צערקווע. דער דריטער וועג האָט געפירט צו דער אַזוי גערופענער „דעמבינע”. דאָ האָט זיך ווידער געפונען אַ שקאָלע, דאָס פוילישע קלויסטער און די שיינע אַזוי גערופענע „קרוגיצע” — ווו אַרויפקריכנדיק אויפן העכסטן באַרג, האָט מען געקענט זען אַ געמיש פון גרינע קאָלירן וואָס האָבן ממש פאַרכאַפּט דאָס אויג — אָנהויבנדיק פון טונקעלע גרינע גראָזן ביז העלע געלע בלימלעך. פון דער ווייטנס האָט עס אויסגעזען ווי שיינע טעפּעכער אויסגעלייגט, פונקט ווי אַ קינסטלער וואָלט דאָס געמאָלן און צוזאַמענגעשטעלט די פאַסיקע רייצנדע קאָלירן.

האַרט אונטן, צופוסנס פון באַרג, האָט זיך געפונען אַ ברונעם מיט קוואַל וואַסער וואָס האָט געהאַט אַ ספּעציעלן פרישן טעם.

די שענסטע קינדער־יאָרן צו וועלכע אַלע מענטשן בענקען נאָך זיי אין אַלע צייטן, האָבן מיר דאָרט פאַרבראַכט. דאָס איז נישט פאַרגעסבאַר. ווייל אין אַנדערע פאַלן קענען מיר טישעוויץ נישט דערמאָנען צום גוטן, ווייל פון יעדן ווינקעלע האָט געשמעקט מיט צוריקגעשטאַנענקייט און מיט אַנטיסעמיטיזם, וואָס פלעגט אונדז אָפט מאָל זייער דערנידעריקן. די הייזער, און די בריקן זיינען געווען געבויט פון האָלץ. עס זיינען געווען בלויז עטלעכע געמויערטע הייזער. די שטיבער זיינען געשטאַנען אַזוי צוגעדריקט איינע צו דער צווייטער — פונקט ווי איינער וואָלט אָן צווייטן נישט געקענט עקזיסטירן, און אפשר איז עס טאַקע אַזוי געווען. דער מאַרק ווי אויך אייניקע געסלעך זיינען געווען ברוקירט, און דאָס האָט עס צוגעגעבן אַ ביסעלע גרויסשטעטישקייט. אין מיטן מאַרק זיינען געווען צוויי פּלימפּן, וואָס פלעגן באַזאָרגן די שטאָט מיט וואַסער. באַלויכטן די שטאָט האָבן עטלעכע „גאַזאָווע”־לאָמפּן, וואָס האָבן נישט שטענדיק געוואָלט ברענען.

אין די שטיבער האָט מען גענוצט נאַפט־לאָמפּן ווי אויך גאַזאָווע־לאָמפּן און נאָענט פון די מילן איז אויך געווען עלעקטריע.

געהייצט האָט מען מיט האָלץ, קוילן און אויך מיט טאָרף. גוט איז געווען אַז ס׳איז געווען גענוג, ווייל אין אַ סך שטיבער האָט מען געפילט אויך אין דעם אַ דוחק. ס׳זיינען געווען פאַרשידענע שיכטן מענטשן. אַ פּאָר רייכע משפחות; אַ קליינע צאָל מיטעלע; די גרעסטע צאָל אָרעמע, און זייער שטאַרק אָרעמע. די מענטשן האָבן צווישן זיך געלעבט בשלום נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַלע זיינען געווען נישט קיין קליינע משפחות און מיט גאָר באַגרענעצטע באַקוועמלעכקייטן. די באַפעלקערונג האָט געציילט בערך (300—400) משפחות. ס׳זיינען געווען סוחרים פון וואַלד און תבואה; און קלענערע קרעמער, בעלי־מלאכות צווישן זיי גאָר גוטע פאַכמענער: שוסטערס, שניידערס, גאַרבערס, סטאָליאַרעס און מויערער.